STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04975

# HAMISHAH-HUMSHE-PERETS

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חמשה — חומשי — פרץ

# געקליבענע שריפטן

אין פינף בענד

— פון —

יצחק לייבוש פרץ

קאָמענטירט — אילוסטרירט — פאַרטייטשט

## פּראָספּעקט

(מוסטער־בויגענס)

ארויסגעגעבן פון

פאַרלאַג „באַנייאונג"

בוענאָס איירעס 1957

# חמשה חומשי פרץ

פירוש: יעקב באטאשאנסקי

אילוסטראציעס: יאסל בערגנער (צפת)

גלאסאר: שמשון דונסקי (מאנטרעאל)

פרץ־ביבליאגראפיע: פון פארשידענע קוועלן

פרץ (ארײנפיר־ליד): מלך ראוויטש (תל־אביב)

קארעקטור: וואלף ברעסלער

קאנסטרוקציע און מעכנישע לייטונג: יעקב מושקאט


פארלאג „באנייאונג"

פון וואלף ברעסלער און יעקב מושקאט

Editorial "BANAIUNG"

(RENOVACION)

de Wolf Bresler y Jacobo I. Muszkat

**SARMIENTO 2157** **BUENOS AIRES**

**Rep. ARGENTINA**

Copyright, by the editors.
Buenos Aires.

All rights reserved.

Es propiedad de los editores
quienes ponen bajo el amparo
de la ley todo lo que contiene
esta Edición.

IMPRESO EN LA ARGENTINA

PRINTED IN ARGENTINE

Talleres Gráficos "C U L T U R A" de Muszkat y Zaslavsky
Sarmiento 2157 Buenos Aires Rep. Argentina

# געצײלטע ווערטער.

די ארבעט פון צוגרייטן און אָפּקלייבן די מאַטעריאַלן צום ארויסגעבן די געקליבענע שריפטן פונעם פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור, אונדזער קלאַסיקער י. ל. פּרץ — אין אַזאַ פאָרם ווי מיר טוען דאָס, איז זיכער אַ נייעס און צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידישער פאַרלאַגס־ארבעט.

מיר האָבן פון פריער געוואוסט, אַז אונדזער אויפגאַבע וועט נישט זיין קיין לייכטע; צוזאַמענגעמען דאָס בעסטע פון יצחק לייבוש פּרצעס שאַפן און עס אַרויסגעבן אין אַ דריי־פּאַכיקער פאָרעם: אויסגעטייטשט, אילוסטרירט און פאַרטייטשט, איז ביי היינטיקע באַדינגונגען — באַשיידן גערעדט — אַ ביסעלע געוואַגט און אפשר אויך ריזיקאַליש.

מיט אַ ציטער אין האַרצן, פון דער אחריות פאַר דער אונטערגענומענער ארבעט, און מיט אַ ברי אין דער נשמה, — טרעטן מיר צו צו די אַלטעגלעכע ארבעטן אויף צו רעאַליזירן דעם אָנגעצייכנטן פּלאַן. מיר זיינען זיכער, אַז מיר טוען אַ נוצלעכע אַרבעט סיי פאַר דער יידישער ליטעראַטור, פאַר דער יידישער שול, ווי פאַר די יידיש־לייענער אין דער גאַנצער וועלט.

מיטן ארויסגעבן די פינף בענדער פון י. ל. פּרץ, גלויבן מיר צו האָבן געמאַכט אַן התחלה פון אַ בראשית־ווערק פון אַ מאָדערנעם תנ"ך אין יידיש־לשון, — און כאָטש מיר האָבן נישט געטראַכט, ביים אָנהויב פונעם צוגרייטן דעם אָפּקלייב, אַז דאָס קען דערגרייכן ביז פינף בענדער, — האָט די השגחה אַזוי געוואָלט, אַז די אַלע מאַטעריאַלן, וואָס מיר האָבן אָפּגעקליבן און צוגעגרייט צום דרוק — זאָלן מוזן פאַרנעמען גאַנצע פינף בענדער און עס איז געבוירן געוואָרן די —

חמשה הומשי פּרץ.

מיטן ארויסגעבן דעם פּראָספּעקט (מוסטער־בויגענס), ווילן מיר, אַז דער יידישער אינטעלעקטואַל, תלמידים פון יידישע הויכשולן און לייענער אין אַלגעמיין, זאָלן זיך שאַפן אַ באַגריף פונעם פאַרנעם פון דער ארבעט, וואָס מיר נעמען זיך אונטער צו רעאַליזירן. פיל שוועריקייטן האָבן מיר שוין געהאַט און זיי בשלום איבערגעקומען און די שוועריקייטן, וואָס שטייט אונדז פאַר, — האָפן מיר זיי צו קענען מנצח זיין מיט דער מיטהילף פון דער יידישער קולטור־וועלט.

מיט דער זיכערקייט, אַז אין גאַנג פון דער אַרבעט וועלן מיר בייקומען אַלע שוועריקייטן, האָפן מיר צו קענען אין דער קורצסטער צייט, ווי נאָר מעגלעך, איבערגעבן אין רשות פון די יידיש־לייענער די פינף בענדער פון י. ל. פּרצעס שריפטן, אויסגעטייטשט, אילוסטרירט און פאַרטייטשט, וואָס וועט זיכער ראוי זיין צו טראָגן דעם פאַרדינטן נאָמען: —

חמשה חומשי פּרץ.

און זאָל דאָס זיין אַן אָנהויב פון איבערדרוקן, אין אַ באַנייטער פאָרם, יידישע ווערק וואָס דערהויבן און פאַראייביקן דאָס יידישע לעבן, און שטעלן מיט זיך פאַר דעם נצח ישראל!

די ארויסגעבער.

# אינהאַלט פון די 5 בענד

## ערשטער באַנד
## „חסידיש"


ביאָגראַפישע שטריכן פון י. ל. פרץ, פון פאַרשידענע קוועלן.
אריינפיר־וואָרט — פונעם מפרשן יעקב באַטאַשאַנסקי.
פ ר ץ — ליד פון מלך ראַוויטש
מ אָ נ י ש (באַלאַדע)
אויב נישט נאָך העכער
מ ק ו ב ל י ם
א גילגול פון א ניגון
שהשימחה במעונו
צווישן צוויי בערג
משנת חסידים
א שמועס
ניסים ונפלאות
הכנסת כלה
ת ו ר ה
ער, זיכרונו לברכה און זיינע מקורבים
דעם רבינס ציביק
שמעיה דער גיבור
ר' נחמנקעס מעשיות
ר' יוחנן מלמדס מעשהלעך
כ ר ת
שימחה שבשימחה
דרשה ־ געשאַנק
דער בעל־שם פירט אויס א שידוך
אָ נ ט פ ל ע ק ט
אז מען זאָגט משוגע — גלויב
אויף דער פרישער לופט
בערל דער שניידער


## צווייטער באַנד
## רעאַליסטישע פאָלקסטימלעכע געשיכטן


ערב פאָלקסטימלעכע געשיכטן — אריינפיר־וואָרט פונעם מפרשן יעקב באַטאַשאַנסקי.
דאָס שטריימל
דער שבת־גוי
דער בעלעמער מלמד
באַנציע שוויג
פיר דורות — פיר צוואות
דער משולח
דער משוגענער בטלן
א קלעזמערס טויט
נעילה אין גיהנום
דער גולם
די אַכטע אָפטיילונג פון גיהנום
ביים פאַקיר
משיחס צייטן
אָבער דאַוונען מוז מען דאָך
דער קאָלאָניסט
די פרומע קאַץ
די דין־תורה


## גלאָסאַר


דריי טויזנט ווערטער, העברעאישע און יידישע, פאַרטייטשט און מסביר געווען פון ש מ ש ו ן ד ו נ ס ק י

ד ר י ט ע ר  א ו ן  פ ע ר ט ע ר  ב אַ נ ד

# פאָלקסטימלעכע געשיכטן

## ב אַ נ ד  א.

דאָס פאָלק און דער קינסטלער — אריינפיר־וואָרט פונעם בעל מפרשן יעקב באָטאשאנסקי.

די ירושה (אַנשטאָט א פאָררעדע)

דריי חופות

ביים גוסס צוקאָפנס

דריי מתנות

מסירת־נפש

אַן אַפּקומעניש

אראָפּגעלאָזטע אויגן

דאָס פּאָרטעך

די תאווה צו קליידער

לא תחמוד

דער אוצר

א גאַנץ יאָר שיכור, פורים ניכטער

איבער א שמעק טאַבעק

א חלום פון א ליטווישן מלמד

כיבוד אב

דער הינטישער סדר

## ב אַ נ ד  ב.

ס'איז גוט

מאָטל פּרינץ

דער קונצענמאַכער

שטומע נשמות

א) צוויי וועגן, צוויי משלים

ב) ניסים אויפן ים

ג) א קאפּיטל תהילים, אָדער יוחנן דער וואַסער־טרעגער און דער אורח־חיים

ד) שמע ישראל אָדער דער באַס

זיבן גוטע יאָר

צ ו ז א מ ע ן

דער קרבן

פדיון שבויים

דאָס גלעזל

ר' יוחנן גבאי

דער דין־תורה מיטן ווינט

דער שפּילער

דער אַרענדאַר

דער זיווג, אָדער שרה בת־טובים

מלווה מלכה

פינפטער באַנד  געטיילט אין צוויי טיילן:

I

## י. ל. פּרץ און די יידישע פרוי

די יידישע פרוי אין די ווערק פון י. ל. פּרץ — אריינפיר־וואָרט פון בעל מפרשן יעקב באָטאשאַנסקי.

האשה מרת הנה

שרייב א פעליעטאָן

מ ו ס ר

וואָס הייסט נשמה?

אַ כעס פון א יידענע

שלום - בית

ער און זי

דאָס קראַנקע ייִנגל

ווענוס און שולמית

די סקולער רביצין

מענדל ברײנעס

די פאַרשטויסענע

II

## י. ל. פּרץ — דער דיכטער

פּרץ דער דיכטער — אריינפיר־וואָרט פון בעל מפרשן יעקב באָטאשאַנסקי.

ביי א פרעמדן חופּה־קלייד

מיין מוזע

קליינע מענטשן

שוואַרצע פליגל

די צייט

מיין נישט די וועלט איז א קרעטשמע באַשאַפן...

כ'בין א רעגן־וואָרעם

דער פּאָעט

די רייזע איבער דער וועלט

ב ר י ד ע ר

אמת און שקר

דריי נייטאָרינס

י ו כ ב ד

ט ר יי ס ט

אַ טעאַטער איז די וועלט

איך גיי ארום אין פרעמדן וואלד

ד י ג אָ ל ד ע נ ע ק יי ט.

דער רבי האַלט זיך אַלץ אין די זייטן פון די גאַסן, אין די שאָטנס פון
די הייזער... פון איין הויז צום אַנדערן שווימט ער אַרויס
און דער ליטוואַק נאָך אים.

# אויב נישט נאָך העכער

(א חסידישע דערציילונג)

און דער נעמיראָווער פלעגט סליחות-צייט יעדן פרימאָרגן נעלם ווערן, פארשווינדן!

מען פלעגט אים נישט זען אין ערגעץ: נישט אין שיל, נישט אין ביידע בתי-מדרשים, נישט ביי א מנין, און אינדערהיים אוודאי און אוודאי נישט. די שטוב איז געשטאַנען אָפן. ווער עס האָט געוואָלט, איז אריין און ארויסגעגאנגען; גענבעט ביים רבין האָט מען נ י ש ט, אָבער קיין לעבעדיק באשעפעניש איז אין שטוב נישט געווען.

וואו קען זיין דער רבי?

וואו זאָל ער זיין? מן הסתם אין הימל! ווייניק געשעפטן האָט א רבי פאר ימים-נוראים צו פארזאָרגן? יידעלעך, קיין עין-הרע, דארפן פרנסה, שלום, געזונט, גוטע שידוכים, ווילן גוט און פרום זיין, און די זינד זיינען דאָך גרויס, און דער שטן מיט זיינע טויזנט אויגן קוקט פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער, און ער זעט, און פארקלאָגט, און מסרט... און — ווער זאָל העלפן, אז נישט דער רבי?

אזוי האָט דער עולם געטראַכט.

איינמאָל איז אָבער אָנגעקומען א ליטוואַק, לאַכט ער! איר קענט דאָך די ליטוואַקעס: פון מוסר-ספרים האַלטן זיי ווייניק, דערפאר שטאָפּן זיי זיך אָן מיט ש״ס ופוסקים. ווייזט דער ליטוואַק א בפירושע גמרא — די אויגן שטעכט ער אויס. אפילו משה רבינו,

ווייזט ער, האָט ער ביים לעבן נישט געקאָנט ארויף אויפן הימל, נאָר געהאלטן זיך צען טפחים א ו נ ט ע ר ן הימל! נו, גיי שפאר זיך מיט א ליטוואק!

— וואו-דען קומט אהין דער רבי?

— מיין דאגה! — ענטפערט ער און ציט מיט די אקסל, און תוך כדי דבור (וואָס א ליטוואק קען!) איז ער זיך מיישב, צו דער־גיין די זאך.

---

נאָך דעם זעלבן פארנאכט, באלד נאָך מעריב, גנבעט זיך דער ליטוואק צום רבין אין חדר אריין, לייגט זיך אונטערן רבינס בעט, און ליגט. ער מוז אָפּווארטן די נאכט און זען, וואו דער רבי קומט אהין, וואָס ער טוט סליחות-צייט.

אן אנדערער וואָלט אפשר איינגעדרעמלט און פארשלאָפן די צייט; א ליטוואק טוט זיך אן עצה: לערנט ער זיך אויסווייניק א גאנצע מסכתא. איך געדענק שוין נישט, חולין צי נדרים.

פארטאָג הערט ער, ווי מען קלאפט צו סליחות.

דער רבי איז שוין נישט געשלאָפן א צייט. ער הערט אים שוין אפשר א גאנצע שעה קרעכצן.

ווער עס האָט געהערט דעם נעמיראָווער קרעכצן, ווייסט, ווי פיל צער פאר כל ישראל, וויפיל יסורים עס האָט געשטעקט אין זיין יעדן קרעכץ... די נשמה פלעגט אויסגיין, הערנדיק דאָס קרעכצן. א ליטוואק האָט דאָך אָבער אן אייזן הארץ, הערט ער צו און ליגט זיך ווייטער. דער רבי ליגט אויך: דער רבי, זאָל לעבן, א ו י פ ן בעט, דער ליטוואק א ו נ ט ע ר ן בעט.

---

דערנאָך הערט דער ליטוואק, ווי די בעטן אין הויז הויבן אָן סקריפען... ווי די בני-בית כאפן זיך ארויס פון די בעטן, ווי מען מורמלט א יידיש וואָרט, מען גיסט וואסער אויף די נעגל, עס קלאפן אויף-און-צו די טירן... דערנאָך איז דער עולם אַרויס פון

שטוב, עס ווערט ווייטער שטיל און פינצטער, דורכן לאָדן שיינט קוים אריין א קליין בּיסל ליכט פון דער לבנה...

מודה האָט ער געווען, דער ליטוואק, אז ווען ער איז געבליבן איינער אליין מיטן רבין, איז אים באפאלן אן אימה. די הויט איז שוין אים אויפגעלאָפן פאר שרעק, די וואָרצלען פון די פאות האָבן אים געשטאָכן אין די שלייפן ווי די נאָדלען.

א קלייניקייט: מיטן רבין, און סליחות-צייט, פארטאָג, אליין אין שטוב!...

א ליטוואק איז דאָך אָבער איינגעשפּארט, ציטערט ער ווי א פיש אין וואסער און ליגט. —

---

ענדלעך, שטייט דער רבי, זאָל לעבן, אויף...

פריער טוט ער וואָס א ייד דארף טאָן... דערנאָך גייט ער צו צו דעם קליידער-אלמער און נעמט ארוים א פּעקל... עס באווייזן זיך פויערשע קליידער: לייוונטענע פלודערן, גרויסע שטיוול, א סיערמיענגע, א גרוים פוטערן היטל מיט א ברייטן לאנגן לעדער-נעם פּאס, אויסגעשלאָגן מיט מעשענע נעגעלעך.

דער רבי טוט עס אָן...

פון דער קעשענע, פון סיערמיענגע, שטארט ארוים אן עק פון א גראָבן שטריק... פון א פויערשן שטריק!

דער רבי גייט ארוים; דער ליטוואק — נאָך!

דורכגייענדיק, טרעט אָפּ דער רבי אין קיך, בויגט זיך איין, פון אונטער א בעט נעמט ער ארוים א האק, פארלייגט זי אונטערן פּאס און גייט ארוים פון שטוב.

דער ליטוואק ציטערט, נאָר ער טרעט נישט אָפּ.

---

א שטילער, ימים-נוראימדיקער פּחד וויגט זיך איבער די טונקעלע גאסן. אָפּט רייסט זיך ארוים א געשריי פון סליחות פון

ערגעץ א מניך, אָדער א קראנקער קרעכץ פון ערגעץ א פענצטער... דער רבי האלט זיך אלץ אין די זייטן פון די גאסן, אין די שאָטן פון די הייזער... פון איין הויז צום אנדערן שווימט ער ארוים און דער ליטוואק נאָך אים...

און דער ליטוואק הערט, ווי זיין אייגן הארץ-קלאפן מישט זיך צוזאמען מיטן קול פון רבינס שווערע טריט; אָבער גיין גייט ער, און קומט צוזאמען מיטן רבין, אוים דער שטאָט ארוים.

---

הינטער דער שטאָט שטייט א וועלדל.

דער רבי, זאָל לעבן, נעמט זיך אין וועלדל אריין. ער מאכט א דרייסיק-פערציק טריט און שטעלט זיך אָפּ ביי אביימל און דער ליטוואק ווערט נבהל ומשתומם, זעענדיק, ווי דער רבי נעמט ארוים פון פאם די האק און שלאָגט אין ביימל אריין.

ער זעט, ווי דער רבי האקט און האקט, ער הערט ווי דאָם ביימל קרעכצט און קנאקט און דאָם ביימל פאלט, און דער רבי שפאלט עס אויף ליפעס... די ליפעס — אויף דינע שייטלעך; און ער מאכט א בינטל האָלץ, נעמט עס ארום מיטן שטריק פון קע־שענע, ער ווארפט דאָם בינטל האָלץ איבער די פלייצעס, שטעקט צוריק אריין די האק אינעם פאם, לאָזט זיך ארוים פון וואלד און גייט צוריק אין שטאָט אריין.

אין א הינטער-געסל שטעלט ער זיך אָפּ ביי אן אָרים, האלב איינגעבראָכן הייזל און קלאפט אָן אין פענצטערל.

— ווער איז? —פרעגט מען דערשראָקן פון שטוב ארוים. דער ליטוואק דערקענט, אז עס איז א קול פון א יידענע, פון א קראנ־קער יידענע.

— יאָ! ענטפערט דער רבי אויף פויעריש לשון.

— קטאָ יאָ? פרעגט מען ווייטער פון שטוב.

און דער רבי ענטפערט ווייטער, אויף מאלאָראָסיש לשון: וואסיל!

— וואָס פאר א וואסיל און וואָס ווילסטו, וואסיל?

— האָלץ, זאָגט דער פארשטעלטער וואסיל, האָב איך צו פארקויפן! זייער ביליק... בחצי חנם האָלץ!

און, ניט ווארטנדיק אויף א תשובה, נעמט ער זיך אין שטוב אריין.

---

דער ליטוואק גנבעט זיך אויך אריין און, ביים גרויען ליכט פון פריען מאָרגן, זעט ער אן אָרימע שטוב, צעבראָכן, אָרים כלי-בית... אין בעט ליגט א קראנקע יידענע, פארוויקלט מיט שמאטעס, און זי זאָגט מיט א ביטער קול:

— קויפן? מיט וואָס זאָל איך קויפן? וואו האָב איך, אָרימע אלמנה, געלט?

— איך וועל דיר באָרגן! ענטפערט דער פארשטעלטער וואסיל, איינגאנצן זעקס גראָשן!

— פונוואנען וועל איך דיר באצאָלן? קרעכצט די אָרימע יידענע.

— נאריש מענטש — מוסרט זי דער רבי, — זע, דו ביסט אן אָרימע קראנקע יידענע און איך געטרוי דיר דאָס ביסל האָלץ, איך בין ב ט ו ח, אז דו וועסט באצאָלן; און דו האָסט אזא שטארקן, גרויסן גאָט, און געטרויסט אים נישט... און האָסט אויף אים אויף נארישע זעקס גראָשן פארן בינטל האָלץ, קיין בטחון נישט!

— און ווער וועט מיר איינהייצן? קרעכצט די אלמנה, — איך האָב דען כוח אויפצושטיין? מיין זון איז אויף דער ארבעט געבליבן.

— איך וועל דיר איינהייצן אויך — זאָגט דער רבי.

---

און, אריינלייגנדיק דאָס האָלץ אין אויוון, האָט דער רבי, קרעכצנדיק, געזאָגט פון סליחות דעם ע ר ש ט ן פזמון...

און, אז ער האָט עס אונטערגעצונדן, און דאָס האָלץ האָט

פריילעך געברענט, האָט ער געזאָגט, שוין אביסל לוסטיקער, פון די סליחות דעם צווייטן פזמון...

דעם דריטן פזמון האָט ער געזאָגט, ווען עס האָט זיך אויס־געברענט און ער האָט די בלעך פארמאכט...

---

דער ליטוואק, וואָס האָט דאָס אלץ געזען, איז שוין געבליבן א נעמיראָווער חסיד.

און שפּעטער, אויב א חסיד האָט אמאָל דערציילט, אז דער נעמיראָווער הייבט זיך אויף, סליחות־צייט, יעדן פרימאָרגן, און פליט ארויף אין הימל אריין, פלעגט שוין דער ליטוואק נישט לאכן, נאָר צוגעבן שטילערהייט:

— אויב נישט נאָך העכער!...

---

„אויב נישט נאָך העכער" איז איינע פון די בארימטסטע זאכן פרץ'ס און די בארימטסטע חסידישע מעשה זיינע. און דאָס דאָזיקע איז נישט אָן א פארוואָס. פאראן דאָ דער גאנצער חן פון פרץ'ס סטיל, זיין בליציקייט אין דיאלאָג און זיין אקאָרד־בליץ, וואָס דעקט אויף דעם גאנצן הימל און ווייזט, אז די מענטשלעכקייט אויף דער ערד איז העכער פון הימל.

דעם שטויס צו „אויב נישט נאָך העכער" האָט פרץ'ן געגעבן א חסידישע מעשה וועגן משה לייב סאַסעווער, (און אויך וועגן אנדערע רביים) אז ער האָט זיך איבערגעטון ווי א פּויער און האָט אָנגעהאקט האָלץ פאר א קראנקער פרוי און איר געבראכט און ווען זי האָט געזאָגט, אז זי האָט נישט קיין געלט, האָט ער געענטפערט, אז ער וועט איר געטרויען און ווען זי האָט געפרעגט, ווער עס וועט איינהייצן, האָט ער געענטפערט: איך.

פרץ האָט דעם דיאלאָג צווישן דער פרוי און דעם פאר א פּויער פאר־שטעלטן רבין, אנטוויקלט און אין אים אריינגעפירט חסידישע ביטחון־געדאנקען און ער האָט אריינגעפירט דעם ליטוואק, וואָס גלויבט נישט, אז דער רבי איז אין הימל. און וואָס ווייסט, אז אפילו משה רבינו האָט זיך געהאלטן צען טפחים אונטער דעם הימל. און דווקא דער ליטוואק, וואָס גלייבט נישט אין רבין, איז דער דאָזיקער, וואָס זאָגט דערנאָך, אז דער רבי געפינט זיך — אויב נישט נאָך העכער פונעם הימל.

אין „עפּיזאָדן פון מיין לעבן" דערציילט אַברהם רייזען, אַז ווען פּרץ האָט צום ערשטן מאָל געלייענט „אויב נישט נאָך העכער" פאַר יעקבֿ דינעזאָן, ד"ר י. לוריאַ און פּ א ר ז יי, האָט ער אַ סך מער באַטאָנט דאָס הומאָריסטישע, ווי דאָס פּאַטעטישע. און דאָס מעשהלע פאַר זיך פאַרמאָגט טאַקע הומאָר. עס איז פאַראַן הומאָר אין דעם אופן ווי דער רבי־פויער רעדט מיט דער קראַנקער פרוי און עס איז אוודאי פאַראַן הומאָר אין דעם אופן ווי דער ליטוואַק פּאָלעמיזירט מיט די חסידים און ווי ער גייט אויספּרוּוון די זאַך און לייגט זיך אונטער דעם רבינס בעט.

פאַראַן דאָ פּרצ'ס שיטה, פון ווייזן דאָס חסידות נישט ווי אַ רעליגיעזע באַוועגונג, וואָס הייבט אויף דעם מענטשן ביז צום הימל, נאָר ווי אַ הומאַניטאַרע באַוועגונג, וואָס האַלט, אַז מענטשלעכקייט איז העכער ווי אַלץ.

דער גרויסער פּאַטעטישער טאָן קומט מיט דעם לעצטן זאַג פון ליטוואַק, וואָס געהער צו די סאַמע שטאַרקסטע בליצן פון דעם בליצנדיקן פּרץ. דער „יש קונה עולמו בשעה אחת", דאַרף דאָ פאַרביטן ווערן אויף דער פּאַראַפראַזע „יש קונה עולמו במאמר אחד". דער איינער זאָג „אויב נישט נאָך העכער" האָט גרויס געמאַכט די דאָזיקע חסידישע זאַך און טאַקע — פּרצ'ן אַליין...

וואָלט די וועלט צייט געהאַט, וואָלט עמיצער אפשר אַמאָל באַמערקט, אַז
באָנציע (אויך אַ מענטש) האָט לעבעדיקערהייט צוויי אויסגעלאָשענע
אויגן און שרעקלעך איינגעפאַלענע באַקן.

# באַנציע שווייג

דאָ, אויף דער וועלט, האָט באָנציע שוויַגס טויט גאָר קיין איינדרוק נישט געמאַכט! פרעגט עמעצן בחרם: ווער באָנציע איז געווען, ווי אַזוי ער האָט געלעבט, אויף וואָס ער איז גע־שטאָרבן; צי האָט אין אים דאָס האַרץ געפּלאַצט, צי די כוחות זיינען אים אויסגעגאַנגען, צי דער מאַרך־ביין האָט זיך איבערגע־בראָכן אונטער אַ שווערער לאַסט... ווער ווייסט? אפשר איז ער גאָר פאַר הונגער געשטאָרבן!

אַ פערד אין טראַמוויי־שפּאַן זאָל פאַלן, וואָלט מען זיך מער אינטערעסירט. עס וואָלטן צייטונגען געשריבן, הונדערטער מענ־טשן וואָלטן פון אַלע גאַסן געלאָפן און די נבלה באַקוקט; באַ־טראַכט אפילו דאָס אָרט, וואו די מפּלה איז געווען...

נאַר דאָס פערד אין טראַמוויי וואָלט אויך די זכיה נישט געהאַט, ווען ס'זאָל זיין אַזוי פיל פערד ווי מענטשן — טויזנט מיליאָן!

באָנציע האָט שטיל געלעבט און איז שטיל געשטאָרבן; ווי אַ שאָטן איז ער דורך — דורך אונדזער וועלט!

אויף באָנציעס ברית האָט מען קיין ווין נישט געטרונקען, עס האָבן קיין כוסות געקלונגען! צו בר־מצווה האָט ער קיין קליינ־גענדיקע דרשה נישט געזאָגט... געלעבט האָט ער ווי אַ גרוי קליין קערנדל זאַמד ביים ברעג פון ים, צווישן מיליאָנען זיינס גלייכן; און, אז דער ווינט האָט אים אויפגעהויבן און אויף דער אנדערער זייט ים אריבערגעיאָגט, האָט עס קיינער נישט באמערקט.

ביים לעבן האָט די נאַסע בלאָטע קיין צייכן פון זיין פוס נישט באַהאַלטן; נאָכן טויט — האָט דער ווינט דאָס קליינע ברעטל פון זיין קבר אומגעוואָרפן; דעם קברנס ווייב האָט עס

געפונען ווייט פון קבר און דערמיט אַ טעפּל קאַרטאָפּל אָפּגע-קאָכט... עס איז דריי טעג נאָך באָנציעס טויט, פרעגט דעם קברן בחרם, וואו ער האָט אים געלייגט.

וואָלט באָנציע אַ מצבה געהאַט, וואָלט אפשר איבער הונ-דערט יאָר אַן אַלטערטום-פאָרשער זי געפונען, און דער נאָמען „באָנציע שווייג" וואָלט נאָך אַמאָל איבערגעקלונגען אין אונדזער לופט.

אַ שאָטן! זיין פאָטאָגראַפיע איז נישט געבליבן ביי קיינעם אין מוח, ביי קיינעם אין האַרץ; עס איז פון אים קיין זכר געבליבן! „קיין קינד, קיין רינד"; עלנט געלעבט — עלנט געשטאָרבן!

ווען נישט דער מענטשלעכער גערודער, וואָלט אפשר עמע-צער אַמאָל דערהערט ווי באָנציעס מאַרך-ביין האָט אונטער דער לאַסט געקנאַקט; וואָלט די וועלט מער צייט געהאַט, וואָלט עמע-צער אפשר אַמאָל באַמערקט, אַז באָנציע (אויך אַ מענטש) האָט לעבעדיקערהייט צוויי אויסגעלאָשענע אויגן און שרעקלעך איינ-געפאַלענע באַקן; אַז אפילו ווען ער האָט גאָר שוין קיין לאַסט נישט אויף די פּלייצעס, איז אים אויך דער קאָפּ צו דער ערד געבויגן, גלייך ער וואָלט לעבעדיקערהייט זיין קבר געזוכט. וואָלטן אַזוי ווייניק מענטשן ווי פערד געווען, וואָלט אפשר אַמאָל עמעצער געפרעגט: וואו איז באָנציע אַהינגעקומען?!

ווען מען האָט באָנציען אין שפּיטאָל אריינגעפירט, איז זיין ווינקל אין סוטערינע נישט ליידיק געבליבן — עס האָבן דערויף צען זיינס-גלייכן געוואַרט, און צווישן זיך דעם ווינקל „אין פּלוס" ליציטירט; ווען מען האָט אים פון שפּיטאָל-בעט אין טויטן-שטיבל אריינגעטראָגן, האָבן אויפן בעט צוואַנציק אָרעמע קראַנקע גע-וואַרט... ווען ער איז אַרוים פון טויטן-שטיבל — האָט מען צוואַנ-ציק הרוגים פון אונטער אַן איינגעפאַלן הויז געבראַכט — — — ווער ווייסט ווי לאַנג ער וועט רואיק וואוינען אין קבר? ווער ווייסט וויפל עס וואַרטן שוין אויף דעם שטיקל פּלאַץ...

שטיל געבוירן, שטיל געלעבט, שטיל געשטאָרבן און נאָך שטילער באַגראָבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר נישט אַזוי איז געווען אויף י ע נ ע ר וועלט! דאָרטן האָט באַנציעס טויט אַ גרויסן רושם געמאַכט!

דער גרויסער שופר פון משיחס צייטן האָט געקלונגען אין אַלע זיבן הימלען: באַנציע שווייג איז נ פ ט ר געוואָרן! די גרעסטע מלאכים מיט די ברייטסטע פליגל זיינען געפלויגן און איינער האָט דעם אַנדערן איבערגעגעבן: „באַנציע איז נתבקש געוואָרן בישיבה של מעלה״! אין גן-עדן איז אַ רעש, אַ שמחה, אַ גערודער: „באַנציע שווייג! אַ שפּאַס באַנציע שווייג!“

יונגע מלאַכימלעך מיט בריליאַנטענע אייגעלעך, גאָלדענע דראָט-אַרבעטנדיקע פליגעלעך און זילבערנע פּאַנטאָפעלעך זיינען באַנציען אַנטקעגנגעלאָפן מיט שמחה. דער גערויש פון די פליגל, דאָס קלאַפּן פון די פּאַנטאָפעלעך און דאָס פריילעכע לאַכן פון די יונגע, פרישע, רויזיקע מיילעכלעך האָט פאַרפולט אַלע הימלען אַ־ן איז צוגעקומען ביז צום כסא-הכבוד, און גאָט אַליין האָט אויך שוין געוואוסט, אַז באַנציע שווייג קומט!

אברהם אבינו האָט זיך אין טויער פון הימל געשטעלט, די רעכטע האַנט אויסגעשטרעקט צום ברייטן „שלום עליכם“ און אַ זיסער שמייכל שיינט אַזוי העל אויף זיין אַלטן פּנים.

וואָס רעדלט אַזוי אין הימל?

דאָס האָבן צווי מלאכים, אין גן-עדן אַריין פאַר באַנציעס וועגן אַ גינגאָלדענע פּאַטערשטול אויף רעדלעך געפירט!

וואָס האָט אַזוי העל געבליצט?

דאָס האָט מען דורכגעפירט אַ גאָלדענע קרוין מיט די טייער־סטע שטיינער געזעצט; אַלץ פאַר באַנציען!

— נאָך פאַרן פּסק פון בית-דין של מעלה? — פרעגן די צדיקים פאַרוואונדערט און נישט גאָר אָן קנאה.

— אָ! — ענטפערן די מלאכים, — דאָס וועט זיין אַ פּראָסטע פוסטע פאָרמע! קעגן באַנציע שווייג, וועט אפילו דער קטיגור קיין וואָרט אין מויל נישט געפינען! דער „משפט“ וועט דויערן פינף מינוט!

— איר שפּילט זיך מיט באַנציע שווייג? — — —

אז די מלאכימלעך האָבן באַנציען געכאַפּט אין דער לופט און אָפּגעשפּילט אים א זמר; אז אברהם אבינו האָט אים ווי אן אלטן קאמעראד די האנט געשאָקלט; אז ער האָט געהערט, אז זיין שטול איז גרייט אין גן־עדן; אז אויף זיין קאָפּ וואַרט א קרוין; אז אין בית־דין של מעלה וועט מען איבער אים קיין וואָרט נישט רעדן — האָט באַנציע, גלייך ווי אויף יענער וועלט, ג ע ש ו ו י ג ן פאר שרעקן. עס איז אים דאָס הארץ אַנטהאַנגען. ער איז זיכער, אַז דאָס מוז זיין אַ חלום, אָדער אַ פראָסטער טעות.

ער איז צוביידע געוואוינט. נישט איינמאָל האָט זיך אים אויף יענער וועלט געחלומט, אז ער קלויבט געלט אויף דער פּאָד־לאָגע, גאנצע אוצרות ליגן... און אויפגעכאפּט האָט ער זיך נאָך א גרעסערער קבצן ווי נעכטן... נישט איינמאָל האָט אים עמעץ פאר טעות צוגעשמייכלט, א גוט וואָרט געזאָגט און איבערגע־דרייט זיך און אויסגעשפּיגן...

— מיין מזל — טראכט ער — איז שוין אזוי!

און ער האָט מורא די אויגן אויפצוהייבן, דער חלום זאָל נישט פארשווינדן; ער זאָל זיך נישט אויפכאפּן ערגעץ אין א הייל צווישן שלאַנגען און עקדעשן; ער האָט מורא פון מויל אַ קלאַנג ארויסצולאָזן, מיט א גליד א ריר צו טון — מען זאָל אים נישט דערקענען און אוועקשליידערן אין כף־הקלע...

ער ציטערט און הערט נישט די מלאכימס קאָמפּלימענטן, זעט נישט זייער טאנצן ארום אים, ער ענטפערט נישט אברהם אבינו אויפן הערצלעכן „שלום עליכם", און — געפירט צום בית־דין של מעלה — זאָגט ער אים קיין „גוט מאָרגן" נישט...

אויסער זיך איז ער פאר שרעק!

און זיין שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרן, אז ער האָט, נישט ווילנדיק, דערזען די פּאָדלאָגע פון בית־דין של מעלה. סאמע אלאבאסטער מיט בריליאנטן! „אויף אזא פּאָדלאָגע שטייען מיינע פיס!" — ער ווערט אין גאנצן פארשטאַרט! „ווער ווייסט וועלכן גביר, וועלכן רב, וועלכן צדיק מען מיינט... ער וועט קומען — וועט זיין מיין פינצטערער סוף!"

פאר שרעק האָט ער אפילו נישט געהערט ווי דער פרעזי־

דענט האָט בפירוש אויסגערופן: „דער משפט פון באַנציע שווייג!" און, דערלאַנגענדיק דעם מליץ־יושר די אַקטן, געזאָגט: „לעז, נאָר בקיצור!"

מיט באַנציען דרייט זיך דער גאַנצער סאַלאָן. עס רוישט אים אין די אויערן. אינעם גערויש הערט ער דאָך אַלע מאָל שאַרפער און שאַרפער דעם מלאכס, מליצס זיס קול ווי אַ פידל:

— זיין נאָמען — הערט ער — האָט אים געפּאַסט, ווי עס פּאַסט אַ קלייד פון אַן אַרטיסט אַ שניידערס האַנט צו אַ שלאַנק לייב.

— וואָס רעדט איר? — פרעגט זיך באַנציע, און ער הערט ווי אַן אומגעדולד קול האקט אים איבער און זאָגט:

— נאָר אָן משלים!

— ער האָט זיך קיינמאָל — הויבט ווייטער אָן דער מליץ יושר — אויף קיינעם נישט געקלאָגט, נישט אויף גאָט, נישט אויף לייט; אין זיין אויג האָט קיינמאָל נישט אויפגעפלאַמט קיין פונק פון האס, ער האָט עס קיינמאָל נישט אויפגעהויבן מיט אַ פּרעטענזיע צום הימל.

באַנציע פאַרשטייט ווייטער נישט אַ וואָרט, און דאָס האַרטע קול שלאָגט ווייטער איבער:

— אָן רעטאָריק!

— איוב האָט נישט אויסגעהאַלטן. באַנציע איז אומגליקלעכער געווען —

— פאַקטן, טרוקענע פאַקטן! — רופט נאָך אומגעדולדיקער דער פּרעזעס.

— צו אכט טאָג האָט מען אים מל געווען —

— נאָר אָן ר ע א ל י ז ם !

— א מוהל א פושער האָט דאָס בלוט נישט פאַרהאַלטן —

— ווייטער!

— ער האָט אַלץ געשוויגן (פירט ווייטער דער מליץ־יושר) אפילו ווען די מוטער איז אים געשטאָרבן און ער האָט צו דרייצן יאָר א שטיפמאמע באקומען... א שטיפמאמע א שלאנג, א מרשעת...

— מיינט מען דאָך אפשר פאָרט מיך? — טראכט באַנציע —

— אָן אינסינואַציעס אויף דריטע פּערזאָנען, — בייזערט זיך דער פּרעזעס.

— זי פלעגט אים קארגן דעם ביסן... אייערנעכטיק פאר־שימלט ברויט... האָר־פלאַקס פאַר פלייש... אים געגעבן, און זי האָט קאַווע מיט סמעטענע געטרונקען —

— צו דער זאַך! — שרייט דער פרעזעס.

— זי האָט אים פאר דאָס קיין נעגל נישט געקארגט און זיין ברוין און בלוי לייב פלעגט ארויסקוקן דורך אלע לעכער פון זיינע פארשימלט־צעריסענע קליידער... ווינטער אין די גרעסטע פרעסט האָט ער איר באָרוועס אויפן הויף האָלץ געהאקט, און די הענט זיינען צו יונג און צו שוואך געווען, די קלעצלעך צו דיק, די האַק צו שטומפיק... נישט איינמאָל האָט ער זיך די האנט פון די גע־לענקן אויסגעריסן, נישט איינמאָל האָט ער זיך די פיס אָפגע־פרוירן, נאָר געשוויגן האָט ער, אפילו זיך פארן פאָטער —

נישט געקלאָגט, — ענדיקט דער מליץ־יושר דעם זאַץ.

— פארן שיכור! — לאכט ארויין דער קטיגור, און באָנציען זוערט קאלט אין אַלע איברים —

— און שטענדיק עלנט — זאָגט דער מליץ־יושר ווייטער — קיין חבר, קיין תלמוד־תורה, קיין חדר... קיין גאַנץ בגד... קיין פרייע מינוט.

— פאקטן! — רופט ווייטער דער פרעזעס.

— ער האָט געשוויגן אפילו שפעטער, ווען דער פאָטער האָט אים, שיכורערהייט אמאָל אָנגעכאַפּט ביי די האָר און איג־מיטן אַ שנייעדיקער ווינטער־נאַכט ארויסגעוואָרפן פון שטוב. ער האָט זיך שנעל אויפגעהויבן פון שניי און איז אנטלאָפן וואו די אויגן האָבן אים געטראָגן...

אויפן גאנצן וועג האָט ער געשוויגן... ביים גרעסטן הונגער האָט ער נאָר מיט די אויגן געבעטלט.

ערשט אין אַ שווינדלדיקער, נאסער פרילינג־נאכט, איז ער אין אַ גרויסער שטאָט אריינגעקומען, ער איז אריין ווי אַ טראָפּן אין אַ ים און דאָך האָט ער די אייגענע נאכט אין ארעסט פאר־בראכט... ער האָט געשוויגן, נישט געפרעגט פארוואָס, פאר ווען?

ער איז אַרוים און די שווערסטע אַרבעט געזוכט. נאָר ער האָט געשוויגן!

שווערער פאר דער ארבעט איז געווען זי צו געפינען — ער האָט געשוויגן!

באַדנדיק זיך אין קאַלטן שוויים, צוזאמענגעדריקט אונטער דער שווערסטער לאסט, ביים גרעסטן קראַמף אין ליידיקן מאָגן — האָט ער געשוויגן!

באשפריצט פון פרעמדער בלאָטע, באשפיגן פון פרעמדע מיילער, געיאָגט פון טראָטוארן מיט דער שווערסטער לאסט אראָפּ אין גאסן צווישן דראָשקעס, קארעטן און טראַמוויים, קוקנדיק יעדע מינוט דעם טויט אין די אויגן אריין — האָט ער געשוויגן!

ער האָט קיינמאָל נישט איבערגערעכנט, וויפל פוד לאסט עס קומט אוים אויף א גראָשן, וויפל מאָל ער איז געפאלן ביי יעדן גאנג פאר א דרייער, וויפל מאָל ער האָט שיר-נישט די נשמה אויסגעשפּיגן, מאָנענדיק זיין פאַרדינסט; ער האָט נישט גערעכנט, נישט ז ײ ן, נישט י ע נ ע מ ס מזל, נאָר געשוויגן!

זיין אייגן פאַרדינסט האָט ער אויך נישט הויך געמאָנט. ווי א בעטלער האָט ער זיך ביי דער טיר געשטעלט, און אין די אויגן האָט זיך א הינטישע בקשה געמאָלט! „קום שפּעטער“ און ער איז פארשוואונדן שטיל ווי א שאָטן, כדי שפּעטער נאָך שטילער אוים-צובעטלען זיין פאַרדינסט.

ער האָט אפילו געשוויגן, ווען מען פלעגט אים אָפּרייסן פון זיין פאַרדינסט, אָדער אריינוואַרפן א פאלשע מטבע!...

ער האָט אַלץ געשוויגן...

— מיינט מען דאָך טאקע מיך! — טרייסט זיך באָנציע.

---

— איינמאָל — זאָגט וויטער דער מליץ-יושר, נאָך א טרונק וואסער — איז אין זיין לעבן אן ענדערונג געשען... עס איז דורכ-געפלויגן א קאָטש אויף גומענע רעדער מיט צעפלאָשעטע פערד... דער שמייסער איז שוין לאַנג פון וויטנס געלעגן מיט א צעשפּאָל-טענעם קאָפּ אויפן ברוק... פון די דערשראָקענע פערדס מיילער שפּריצט דער שוים, פון אונטער די פּאָדקאָווים יאָגן זיך פונקען,

די אויגן בלישטשען ווי ברענענדיקע שטורקאצן אין א פינצטערער נאַכט — און אין קאַטש זיצט נישט טויט נישט לעבעדיק אַ מענטש.

און באַנציע האָט די פערד פאַרהאַלטן.

און דער גערעטעוועטער איז געווען א ייד א בעל-צדקה און האָט באַנציען די טובה נישט פאַרגעסן.

ער האָט אים דעם געהרגטנס בייטש איבערגעגעבן; באַנציע איז א שמייסער געוואָרן! נאָך מער — ער האָט אים חתונה גע־מאכט, נאָך מער — ער האָט אים אפילו מיט א קינד פאַרזאָרגט —

און באַנציע האָט א ל ץ געשוויגן!

— מיך מיינט מען, מיך! — באפעסטיקט זיך באַנציע אין דער דעה, און האָט דאָך נישט די העזה אַן אויג צו וואַרפן אויפן „בית־דין של מעלה"...

ער הערט זיך ווייטער איין צום מלאך-מליץ:

— ער האָט געשוויגן אפילו ווען זיין בעל-טובה האָט אין קורצן באנקראָטירט און אים זיין לוין נישט באצאָלט...

ער האָט געשוויגן אפילו ווען דאָס ווייב איז פון אים אנטלאָפן און איבערגעלאָזט אים א קינד פון דער ברוסט...

ער האָט געשוויגן אפילו מיט פופצן יאָר שפּעטער, ווען דאָס קינד איז אויסגעוואקסן און גענוג שטארק געווען — באַנציען ארויסצוואווארפן פון שטוב...

— מיך מיינט מען, מיך! — פרייט זיך באַנציע.

---

— ער האָט אפילו געשוויגן — הויבט אָן ווייכער און טרויע־ריקער דער מלאך-מליץ — ווען דער אייגענער בעל-טובה האָט זיך מיט אלע אויסגעגלייכט, נאָר אים קיין גראָשן שכירות נישט צוריק־געגעבן — און אפילו דעמאָלט, ווען ער איז באַנציען (ווייטער פאָרנדיק אויף א קאַטש מיט גומענע רעדער און פערד ווי לייבן) איבערגעפאָרן...

ער האָט אלץ געשוויגן! ער האָט אפילו דער פאָליציי נישט געזאָגט, ווער עס האָט אים צורעכטגעמאכט...

---

ער האָט געשוויגן אפילו אין שפּיטאָל, וואו מען מעג שוין שרייען!

ער האָט געשוויגן אפילו ווען דער דאָקטאָר האָט אָן פּופצן קאָפּיקעס נישט געוואָלט צוגיין צו זיין בעט, און דער וועכטער, אָן פינף קאָפּיקעס — טוישן אים די וועש.

ער האָט געשוויגן ביים גוססן — ער האָט געשוויגן ביים שטארבן...

קיין וואָרט קעגן גאָט, קיין וואָרט קעגן לייט!

— דיקסי!

---

באַנציע הויבט אָן ווייטער צו ציטערן אויפן גאנצן לייב. ער ווייסט אַז נאָכן מליץ-יושר גייט דער קטיגור. ווער ווייסט וואָס דער וועט זאָגן! באַנציע אליין האָט זיין לעבן נישט געדענקט. נאָך אויף יענער וועלט האָט ער יעדע מינוט די פריערדיקע פאַר־געסן... דער מלאך-מליץ האָט אים אלץ דערמאַנט... ווער ווייסט וואָס דער קטיגור וועט אים דערמאַנען!

— רבותי! — הויבט אָן א שאַרף-שטעכנדיק-בריענדיק קול —

נאָר ער האקט אָפּ —

— רבותי, — הייבט ער נאָך אמאָל אָן, נאָר ווייכער און האקט ווייטער אָפּ.

ענדלעך הערט זיך, פון דעם אייגענעם האלדז ארויס, כמעט א ווייך קול:

— רבותי! ער האָט געשוויגן! וועל איך אויך שווייגן!

עס ווערט שטיל — און פון פאָרנט הערט זיך א נייע ווייכע ציטערדיקע שטימע:

— באַנציע, מיין קינד באַנציע! — רופט אים ווי א האַרפע...

— מיין הארציק קינד באַנציע!

אין באַנציען צעוויינט זיך דאָס הארץ... ער וואָלט שוין אצינד די אויגן געעפנט, נאָר זיי זיינען פאַרפינצטערט פון טרערן... עס איז אים אזוי זיס-וויינענדיק קיינמאָל נישט געוועזן... „מיין קינד",

„מיין באַנציע“ — זייט די מוטער איז געשטאָרבן, האָט ער אַזאַ קול און אַזוינע ווערטער נישט געהערט —

— מיין קינד! — פירט ווייטער דער אב-בית-דין — דו האָסט אַלץ געליטן און געשוויגן! עס איז נישטאָ קיין גאַנץ גליד, קיין גאַנץ ביינדל אין דיין לייב אָן אַ וואונד, אָן אַ בלוטיק אָרט, עס איז נישטאָ קיין איין באַהאַלטן אָרט אין דיין נשמה, וואו עס זאָל נישט בלוטן... און דו האָסט אַלץ געשוויגן...

דאָרט האָט מען זיך נישט פאַרשטאַנען דערויף! דו אַליין האָסט גאָר אפשר נישט געוואוסט, אַז דו קענסט שרייען, און אַז פון דיין געשריי קענען יריחום מויערן ציטערן און איינפאַלן?! דו אַליין האָסט פון דיין פאַרשלאָפענעם כוח נישט געוואוסט...

אויף יענער וועלט האָט מען דיין שווייגן נישט באַלוינט, נאָר דאָרט איז דער ע ו ל ם - ה ש ק ר , דאָ, אויפן ע ו ל ם - ה א מ ת , וועסטו דיין לוין באַקומען!

דיר וועט דאָס בית-דין של מעלה נישט משפטן, דיר וועט עס נישט פסקענען.

דיר וועט עס קיין חלק נישט אויסטיילן און נישט אָפּטיילן: נעם דיר, וואָס דו ווילסט! אַ ל ע ס איז דיינס!

באַנציע הייבט דאָס ערשטע מאָל די אויגן אויף. ער ווערט ווי פאַרבלענדט פון דער ליכט פון אַלע זייטן; אַלעס בלאַנקט, אַלעס בלישטשעט, פון אַלעס יאָגן שטראַלן: פון די ווענט, פון די כלים, פון די מלאכים, פון די דיינים, סאַמע ענגלען!

באַנציע לאָזט די מידע אויגן אַראָפּ.

— טאַקע? — פרעגט ער מסופק און פאַרשעמט.

— זיכער! — ענטפערט פעסט דער אב-בית-דין! זיכער, זאָג איך דיר, אַז אַלעס איז דיינס. אַלעס אין הימל געהער צו דיר! קלייב און נעם, וואָס דו ווילסט, דו נעמסט נאָר ביי ד י ר אַליין!

— טאַקע? — פרעגט באַנטשע נאָכאַמאָל, נאָר שוין מיט אַ זיכערן קול.

— טאַקע! טאַקע! טאַקע! — ענטפערט מען אים אויף זיכער פון אַלע זייטן.

— נו, אויב אזוי — שמייכלט באַנטשע — וויל איך טאקע אַלע טאָג, אינדערפרי אַ הייסע בולקע מיט פרישע פוטער!

דיינים און מלאכים האָבן אראָפּגעלאָזט די קעפּ פארשעמט; דער קטיגור האָט זיך צעלאכט.

---

„באַנציע שווייג" געהער צו די פּאָפּולערסטע זאכן פּרצ'ס פון זיין ראדיקאַלער תקופה.

אייגנטלעך איז דאָס אויך אַ פּאמפלעט קעגן רעזיגנאציע און אונטער־טעניקייט. ביי באַנציען איז די אונטערטעניקייט נישט קיין דורכאויס־יידישע, זי איז אַ סתם מענטשלעכע, אַ סאָציאַלע. און דערצו איז באַנציע נישט דער בעלעמער רב, ער איז נישט קיין פּאסטוך פון קיין עדה.

אָט דערפאר איז ביי פּרצ'ן פאראן אַ ווייכע איראָניע קעגן באַנציען, נישט קיין שניידנדיקער סארקאַזם, ווי קעגן בעלעמער רב; און אָט דערפאַר איז באַנציע נישט קאָמיש, ווי דער פּאַסטוך פון דער קלוגער קהלה, נאָר טראַגיקאָמיש.

אין „שבת גוי" איז פאראן דאָס דאָזיקע, וואָס מען רופט „מקל חובלים", בעת אין „באַנציע" איז פאראן דער „מקל נועם"... עס שטעקט אָבער אַ גאַנץ שארפע סאטירע קעגן דעם איינריידן די באַנציעס, אז זיי וועלן קריגן זייער פולן שכר אויף יענער וועלט.

דוד פינסקי האָט אין זיינע זכרונות וועגן פּרצ'ן, וואָס ער האָט פארעפנטלעכט אין נומער 10 „די גאָלדענע קייט" דערציילט, אז ווען פּרץ האָט עפנטלעך איבערגעלייענט „באַנציע שווייג", האָט אים אַ סטודענט באשולדיקט אין פּלאַגיאַט. ער האָט געזאָגט, אז דער סיוזשעט איז גענומען פון באַוואוסטן רוסישן שרייבער קאָראָלענקאָס „דער חלום פון מאַקאַרן".

פּרץ האָט מער געגעבן צו פילן, ווי געזאָגט, אז ער האָט נישט געלייענט קאָראָלענקאָס דערציילונג איידער ער האָט אָנגעשריבן „באַנציע".

מען האָט, אגב, כסדר באַטאָנט, אז „ביינאכט אויף דעם אַלטן מארק" האָט פּרץ געשריבן אונטער דעם איינפלוס פון דעם פּוילישן דיכטער וויס־פּיאַנסקיס „חתונה"; בעת עס איז באשטעטיקט געוואָרן, אז פּרץ האָט דאָס דערמאָנטע ווערק אָנגעהויבן שרייבן און ער האָט איבערגעלייענט פראגמענטן דערפון אייניקע פריינט, נאָך איידער וויספּיאַנסקיס „חתונה" איז דערשינען.

די דערציילונג פון רוסישן שרייבער האָט אַ סך פון די זעלביקע עלע־

מענטן, וואָס „באַנציע"; אָבער פּרצ'ס זאַך איז קאָנדענסירטער, געשריבן מיט מער טעמפּעראַמענט. האָט דעם מאַקסימום פון זיין אייגנאַרטיקן „עספּרי". האָט אַן אַנדער טענדענץ ווי קאָראָלענקאָס זאַך. ביים רוסישן שרייבער איז די איראָניע געצילט איבערהויפּט קעגן דער געזעלשאַפט־לעכער אָרדענונג, בעת ביים גרויסן יידישן שרייבער איז זי געצילט קעגן דעם שוואַכן העלד.

דער ליטעראַרישער ווערט פון „באַנציע" איז נישט צום פאַרגלייכן העכער ווי פון „דער חלום פון מאַקאַרן"; דער בעסטער סימן פון דעם גרויסן ווערט פון „באַנציע שווייג" איז דער פאַקט, וואָס דאָס פאָלק האָט די דאָזיקע דערציילונג אָנגענומען ווי א סימבאָל פון יידן בכלל. פּרץ האָט זיך קעגן דעם געוועהרט, אָבער ווען ער האָט געזען יידישע פּליטים זיצן אין זייער פולער מאָס ליידן און שווייגן, האָט ער מודה געווען, אַז אין „באַנציע" שטעקט א שטיק סימבאָל פון דעם יידן בכלל...

„באַנציע שווייג" האָט עלעמענטן פון יידישע פאָלקס - מעשיות. די גאַנצע שילדערונג פון יענער וועלט איז אין עכט יידישע. די גאַנצע זאַך איז אין ערב פאָלקסטימלעכע געשיכטע, וואָס אונדזער פאָלק האָט פאַר־וואַנדלט איר העלד אין א סימבאָלישער פיגור.

# שלום בית

חיים איז א טרעגער.

אז ער גייט דורך די גאַס, איינגעהויקערט אונטערן קאַסטן סחורה זעט מען אים נישט אַרויס; עס דאַכט זיך, אַז דער קאַסטן גייט אליין אויף צוויי פיס... דאָס שווערע אָטעמען הערט זיך דאָך פון ווייטנס.

דאָך — אָט לייגט ער אָפּ די לאַסט, באַקומט זיינע עטלעכע גראָשן; ער גלייכט זיך אויס, אָטעמט שטארק אָפּ, בינדט אָפּ די פּאָלעס, ווישט זיך אָפּ דעם שוויים פון פּנים, גייט גלייך צום ברונעם, טוט א פּאָר שלינג וואסער און לויפט אין א הויף אריין.

ער שטעלט זיך נעבן א וואנט, הויבט אויף דעם ריזן-קאָפּ אזוי, אַז דער שפּיץ-באָרד מיט דער נאָז, מיטן דאַשעק פונעם היטל, קומען אוים איף איין שטח.

ער רופט:

— חנה!

פוך אונטערן דאַך עפנט זיך א קליין פענצטערל, און א קליין ווייבעריש קעפל אין א ווייסן ציפּיק ענטפערט:

— חיים?!

דאָס פּאָר-פּאָלק קוקט זיך גאנין צופרידן אָן; די שכנים זאָגן: זיי קוועטשקען זיך. חיים ווארפט ארויף זיין פארדינסט, איינגע-וויקלט אין א שטיקל פּאַפּיר. חנה כאפּט עס אין דער לופט; עס איז איר נישט דאָס ערשטע מאָל.

— א בריה נפלאה! — מאַכט חיים, און האָט גאָר קיין חשק נישט אוועקצוגיין.

— גיי, גיי, חיים! — שמייכלט זי, — איך קאָן מיך נישט רירן פון קראַנקן קינד... איך האָב צוגעשטעלט דאָס וויגל צום ק׳ימען...

מיט דער האַנט שוים איך און מיטן פוס וויג איך...

— וואָס מאַכט עס, נעבעך?

— בעסער!

— געלויבט איז גאָט! און הענע?

— ביי דער נייטאָרין!

— יאָסל?

— אין חדר.

חיים לאָזט צוריק אראָפּ די באָרד, גייט אוועק און חנה קוקט אים נאָך, ביז ער ווערט איר פארשוואונדן.

דאַנערשטיק און פרייטיק דויערט עס לענגער.

— וויפל האָסטו דאָ אינעם פּאַפּירל? — פרעגט חנה.

— צוויי און צוואַנציק גראָשן.

— איך האָב מורא, עס איז ווייניק!

— וואָס דארפסטו דען, חנה?

— פאר א זעקסער שמירעכטס פארן קינד, פאר עטלעכע גראָשן ליכט; חלה האָב איך שוין... פלייש אויך, אנדערטהאַלבן פונט... נו — בראָנפן אויף קידוש!.. היינט דארף מען נאָך עטלעכע דרענגלעך!

— דרענגלעך וועל איך שוין שאַפן, עס מוז זיין אויפן מארק.

— דארף איך נאָך...

און זי רעכנט אוים, וואָס זי דארף נאָך אלץ אויף שבת. סוף כל סוף בלייבט: אז מען קאָן קידוש מאכן איבער חלה, און אז אָן א סך זאכן איז זיך גאנץ לייכט צו באגיין.

דער עיקר איז — בענטש-ליכט, אויך די זאַלב פאָרן קינד!

און פונדעסטוועגן, אז גאָט העלפט, די קינדער זיינען געזונט, די מעשענע לייכטער — נישט פארזעצט, בפרט, אויב עס איז דאָ נאָך א קוגל — האָט דאָס פאָר-פאָלק גאָר א פריילעכן שבת!

וואָרום חנה איז א בריה נפלאה צום ק׳וגל!

שטענדיק פעלט איר עפּעס; דאָ מעל, דאָ אייער, דאָ פעטס, און

צום סוף קומט ארויס א פעטער, א זיסער, א מחיהדיקער קוגל, ער צעגייט פשוט אין אלע אברים!

— דאָס קאָכט דער מלאך, — זאָגט חנה, און שמייכלט פאר נחת.

— יאָ, א מלאך, אוודאי א מלאך! — לאַכט חיים, — דו מיינסט, אַז דו ביסט א קליינער מלאך, אז דו האָלסט אויס פון מיר און פון די קינדער. וויפל מאָל טוען זיי דיר אָן צרות, איך ווער אַמאָל בייז... נו, איך הער עפּעס א קללה פון דיר, ווי אַנדערע ביי די ווייבער? און באשר, דו האָסט אַ סך נחת פון מיר? דו אין די קינדער גייען נאַקעט און באָרוועס... צו וואָס טויג איך? נישט צו קידוש, נישט צו הבדלה, איך קאָן אפילו נישט רעכט קיין זמירות זינגען...

— ביסט פאָרט א גוטער טאַטע, און אַ גוטער מאַן, — האָלט זיך חנה ביי איריקן, — אזא יאָר אויף מיר, און אויף כל־ישראל... איך זאָל מיך נאָר עלטערן מיט דיר, רבונו של עולם!

און דאָס פּאָר־פאָלק קוקט זיך אין די אויגן אריין אזוי גוט, אזוי וואַרעם, און אזוי מיטן גאַנצן האַרץ, אַז עס דאַכט זיך, זיי זיינען ערשט פון אונטער דער חופּה אַפּער...

עס ווערט נאָך פריילעכער ביים טיש...

נאָך נאָכן שלאָף, גייט חיים אין קליינעם שילעכל אריין הערן תורה.

דאָרט לערנט א מלמד מיטן פּראָסטן עולם „אלשיך“. עס איז היים, די פּנימער זיינען נאָך פארשלאָפן; איינער כאַפּט נאָך א דרימל, דער צווייטער לאָזט ארויס א הויכן גענעץ; נאָר ראַפּטים, ווען עס קומט צום רעכטן אָרט, מען שמועסט פון יענער וועלט פון גהינום, וואו מען שמייסט די רשעים מיט אייזערנע ריטער; פון ליכטיקן גן־עדן, וואו די צדיקים זיצן אין גאָלדענע קרוינען און לערנען תורה... דעמאָלט ווערן אלע אויפגעלעבט; די מיילער — אָפן, די פּנימער — רויט... מען הערט זיך איין אָן אָן אָטעם, וואָס עס וועט זיין אויף יענער וועלט!

חיים, שטייט גענווינטלעך ביים אויוון. ער האָט טרערן אין

די אויגן, עס ציטערן אים הענט און פיס; ער איז איינגאַנצן אויף יענער וועלט!

ער ליידט צוזאַמען מיט די רשעים; באָדט זיך אין הייסער סמאָלע; ער ווערט געוואָרפן אין כף הקלע, קלייבט שפּענער אין וויסטע וועלדער... אַלץ לעבט ער דורך, און עס באַדעקט אים דער קאַלטער שווייס... פאַר דאָס האָט ער שפּעטער נחת גלייך מיט אַלע צדיקים: דאָס ליכטיקע גן-עדן, די מלאכים, דער לויתן, דער שור-הבר, און אַלע גוטע זאַכן שטעלן זיך אים פאַר אַזוי לעבעדיק און אַזוי בולט, אַז ווען דער מלמד ענדיקט, גיט אַ קוש און פאַרמאַכט דאָס ספר, כאַפּט ער זיך אויף ווי פון אַ חלום, טאַקע ווי פון יענער וועלט.

אך, — כאַפּט ער שווער דעם אָטעם, וואָס ער האָט איינגע-האַלטן ביי דער גאַנצער צייט, — רבונו של עולם! כאָטש אַ שטיקל, כאָטש אַ פּיצל, כאָטש אַ בראָקעניו עולם הבא... פאַר מיר פאַר מיין ווייב, און פאַר אַלע מיינע קינדערלעך!

און דעמאָלט ווערט ער טרויעריק; ער פרעגט זיך: „אים-שטיינס געזאָגט, פון וואָס, פאַר וואָס?..”

איינמאָל איז ער נאָכן לערנען צוגעגאַנגען צום מלמד:

— רבי, — זאָגט ער, און זיין קול ציטערט, — גיט מיר אַן עצה, איך זאָל זוכה זיין צו האָבן עולם הבא!

— לערן, מיין קינד, תורה! — הערט ער אַ תשובה.

— איך קאָן נישט!

— לערן משניות... עין-יעקב, כאָטש פּרק...

— איך קאָן נישט!

— זאָג תהילים!

— איך האָב קיין צייט נישט!

— דאַוון ערנסט!

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס איך דאַוון!

דער מלמד קוקט אים אָן מיט רחמנות.

— וואָס ביסטו? — פרעגט ער.

— אַ טרעגער.

— נו, זיי משמש תלמידי חכמים.

— וואָס הייסט?

— טראָג, למשל, אַלע פאַרנאַכט אין בית־המדרש אַריין אַ פּאָר קאַנען וואַסער, די לומדים זאָלן האָבן צו טרינקען...

חיים ווערט דערפרייט.

— רבי, — האָט ער ווייטער געפרעגט, — און מיין ווייב?

— אַז דער מאַן זיצט אויף אַ שטול אין גן־עדן, איז דאָס ווייב זיין פיסבענקעלע.

אַז חיים איז אַהיימגעקומען הבדלה מאַכן, איז חנה געזעסן און געזאָגט „גאָט פון אברהם". אַז ער האָט זי דערזען, האָט אים עפּעס אָנגעכאַפּט ביים האַרץ.

— ניין, חנה — פאַלט ער צו איר צו, — איך וויל נישט, דו זאָלסט זיין מיין פיסבענקעלע... איך וועל מיך אַראָפּבייגן צו דיר, איך וועל דיך אויפהייבן און זעצן דיך נעבן מיר. מיר וועלן צוזאַמען זיצן אויף איין שטול, ווי אַצינד... עס איז אונדז אַזוי גוט צוזאַמען... הערסט, חנה, דו מוזט זיצן מיט מיר אויף איין שטול... דער רבונו של עולם וועט מ ו ז ן באַשטיין.

---

דער געטרייסטער, מוטיקער און העלדישסטער מאַן ביי פּרצן איז דער טרעגער חיים. ער האָט אַזוי ליב זיין ווייב ווי דער יונגער ריטער ראָמעאָ האָט ליב זיין כלה יוליעטע, ווי דער קעניג שלמה זיין כלה שולמית; ער האָט אַזוי ליב זיין ווייב, ווי מענער האָבן ליב פרויען אין די גרויסע חלומות פון פּאָעטן.

אין „מאָניש" ווערט געזאָגט: „מען לעבט פון תעניתים". פּאַקטיש האָט מען אַמאָל געלעבט ביי יידן מער מיט די חלומות וועגן יענער וועלט, ווי מיט דער רעאַליטעט פון ד ע ר וועלט. און דאָס ווייב קען אויף יענער וועלט זיין, לויט די יידישע לעגענדן, בלויז דאָס פוסבענקעלע פון דעם מאַן. און דער טרעגער חיים רעוואָלטירט קעגן דעם.

ברײַנע, די פרוי פון מענדל ברײַנעס, חלומט כאָטש פון זיין דעם מאַנס פוסבענקעלע. שרה רבקה, די פרוי פון דעם למדן חיים ברוך (אין „דעם רבינס ציביק") האָט מורא, אַז זי וועט אויף יענער וועלט גאָרניט

קריגן און זי וועט אהין קומען ווי אן אָפּגעפליקטע גאַנדז. דער מאַן אירער פילט צו איר אַ זעלטענע צאַרטקייט, ער פילט דאָס דאָזיקע, וואָס אַ מאַן דאַרף, לויט זיין נאַטור, פילן צו אַ פרוי, אָבער ער האָט נישט קיין מוט דאָס אַרויסווייזן. ער גיט דאָס איר צו פילן העכסטנס מיט אַ וואונק.

דער פראָסטאַק חיים האָט מוט צו דערקלערן, אז ער וועט נישט לאָזן זיין ווייב זאָל זיין אַ פוסבענקעלע און ער זאָגט, אז ער וועט זי אַרויפנעמען צו זיך און אויסגלייכן מיט זיך.

„שלום בית" איז אַ הימן צום ריינעם, שיינעם מאַן און ווייב צוזאַמענלעבן ביי די יידישע האָרעפּאַשניקעס. ס'איז דער שיר מיזמור לפּרץ על אדם וחוה.

# ג ל אָ ס אַ ר

## העברעאישע ווערטער פון די פרץ - ביכער פארטייטשט אויף יידיש.

**אב בית־דין (אַוו בע'זדן) —**
פאָרזיצער פון געריכט.

**אבות (אָ'וועס) —**
עלטערן; די אורעלטערן פונעם יידישן פאָלק.

**אַגב (אַ'געוו) —**
פארבייגייענדיק, גלייכצייטיק.

**אָבל (אָוול) —**
איינער וואָס טרויערט נאָך א טויטן.

**אבינו שבשמים (אָווינו שעבאַ־שאָמאַים) —**
אונ־זער פאָטער אין הימל.

**אבן טוב (ע'וועז טאָוו) —**
טייערער שטיין.

**אברים (איי'ווערים) —**
מערצאָל פון אבר.

**אדרבא (אַד'ראַבע) —**
פונקט פאַרקערט; פאַרוואָס טאַקע ניט?

**אומות העולם (או'מעס האָאוי'לעם)—**
„די פעלקער פון דער וועלט" — ניט יידן.

**אוים'נעמען, אוים'נעמעניש —**
דאָס ארויסנעמען די ספר תורה פו־נעם ארון קודש צו לייענען ביים דאַווענען; ניט לאָזן ארויסנעמען — א מיטל, אז קהל זאָל זיך אָננעמען פאר א געקריוודעטן, פאר א לייי־דנדיקן.

**הרטה (כאַראָ'טע) —**
פאַרדרוס אויף עפּעס וואָס מ'האָט אָפּגעטון; דאָס צוריקציען זיך פון א באשלוס, צי א צוזאָג.

**חרוב (כאָ'רעוו) —**
צעשטערט, וויסט; חרוב מאכן — פארוויסטן, צעשטערן.

**חריפות (כאַרי'פעס) —**
שאַרפזיניקייט; שאַרפקייט פון געדאַנק.

**חריף (כאַ'ריף) —**
אַ שאַרפער קאָפּ.

**חתימה (כאַסי'מע) —**
אונטערשריפט.

**חתמענען (כאַס'מענען) —**
אונטערשרייבן, פארזיגלען.

**חכמה (כאָכ'מע) —**
קלוגשאַפט, פארשטאנד; וויסנשאפט; א קונצשטיק.

**הכמה (כאַכאָ'מע) —**
אַ קלוגע פרוי.

**חכמת הפרצוף (כאָכ'מעס האַפּאַר'צעף) —**
די קונסט פון לייענען עמיצנס מחשבות אויפן פנים.

**חילוק (כי'לעק) —**
אונטערשייד; — שארפזיניקער, קאָמ־פּליצירטער פאָרטראַג וועגן א תלמודישן ענין.

**טליתים (טאַליי'סים) —**
מער־צאָל פון טלית.

**טלית קטן (טאַ'לים קאָטן) —**
„קליינער טלית" — א גרויסער ארבע כנפות (ז'), געטראָגן אונטער די קליידער.

**טובל (טויוול) זיין זיך —**
זיך אָפּטונקען אין וואַסער (פאר רע־ליגיעזע צוועקן).

**טובות (טוי'וועס) —**
מער־צאָל פון טובה.

**טוב שם משמן טוב (טאָוו שעם מישע'מען טאָוו) —**
א גוטער נאָמען איז בעסער פון טייערן בוימל.

**טוב להם שלא נבראו (טויוו לאָהע'ם שעלוי' ניוו'רעאו) —**
בעסער זאָלן זיי נישט געבוירן ווערן.

**טביעת עין (טווי'עס אַ'אין) —**
א שאַרף אויג, אן אויג, וואָס דערקענט.

**טבע (טע'ווע) —**
נאַטור; כאראקטער.

טבעת קדושין (טאַבאַ'אַס קדושין) —
קדושין רינגעלע, חתונה רינגעלע.

טבריה (טווער'יע) —
שטאָט אין ארץ ישראל, ביים ים - כינרת.

נאַש'פיץ —
איינציקע פערד געשפּאַנט אין וואָגן אין דער לענג.

נבהל ונשתומם (ניוול' וועניש-טוי'מעם) —
צעטומלט און איבעראַשט.

נהנה מיגע כפּו (נע'נע מיגי'ע קאַפּע)
איינער וואָס לעבט פון אייגענער ארבעט.

נואף (נוי'עף) —
אַ געשלעכטלעך - אויסגעלאַסענער מענטש.

נדר (ניי'דער) —
א צוזאָג, א שבועה.

נדן (נאַדן) —
געלט אָדער ווערט זאַכן, מיטגעגעבן דער כלה צו דער חתונה.

נדיב (נאַ'דיב) —
א ברייטהאַרציקער מענטש, א פריי-געביקער, א וואוילטעטיקער.

נבלה (נעוואָלע)
נידערטרעכטיקע האַנדלונג.

נבלה (נעוויי'לע) —
טויטער קערפּער; טרפה פלייש; אַן אָפּגעלאָזענער מענטש.

נביא (נאָ'ווי) —
פּראָפעט; פאָראויסזאָגער; וואָרזאָגער.

סדר עולם (סיי'דער אוי'לעם) —
דער שטייגער פון דער וועלט; די וועלט-אָרדנונג.

סדום (סדאָם) —
פּאַרצייטיקע שטאָט, חרוב געוואָרן איבער דער רשעות פון אירע איינוואוינער.

סאַמעראָד'נע —
עכטע, אמתע.

סגולה (סגו'לע) —
א היילמיטל (געוויינלעך — א וואונדער-מיטל).

סגולה בדוקה (סגו'לע בדו'קע) —
אַן אויסגעפּרואווט מיטל.

סבר פנים יפות (סיי'ווער פּאָ'נים יאָ'פעס) —
פריינטלעכער אויסדרוק אויפן פּנים.

סברא, סברה (סוואָ'רע) —
מיינונג, געדאַנק; אַ מעגלעכקייט.

סטראַפּ'טשע —
אַ-וואָקאַט; — „גאָטס סטראַפּטשע — איינער וואָס איז איבער פרום, נעמט זיך אָן פאר גאָט.

סוף-כל-סוף (סאָף-קאָל-סאָף') —
ענדלעך.

סודות התורה (סוי'דעס האַטוי'רע) —
די פארבאָרגענע געדאנקען פון דער תורה, קבלה.

שמע ישראל (שמאַ יייסראָ'על) —
„הער, ישראל", א פסוק אין חומש, איינע פון די וויכטיקסטע תפילות אין דאַווענען.

שמונה-עשרה-לחופּה (שמונע'סרע לעכו'פּע) —
צו אַכצן יאָר איז צייט חתונה צו האָבן.

שמונה-עשרה (שמוינעש'רע) —
אַ תפילה וואָס באַשטייען פון אַכצן ברכות (בראָ'כעס), מען זאָגט זי דריי מאָל אַ טאָג.

„שמלת גבר" (סימ'לעם גע'ווער —
„דאָס אָנטון פון א מאַן" (דער פאַרבאָט פאר א פרוי אָנצוטון מענערישע קליידער).

שמירה (שמי'רע) —
אָפּהיטונג.

שנאה (סי'נע) —
פיינטשאַפט.

שמש (שאַ'מעס) —
באַדינער (אין א שיל, אד"ג).

שני דרכים (שניי דראָ'כים) —
צוויי וועגן.

תשר"ק (טאַשראַק') —
דער אלף-בית אויף צוריק.

תשר"ק כתב (טאַשראַק' קסאַוו) —
פארשטעלטע שריפט, אין וועלכער די תו דינט ווי אן אלף, די שין ווי א בית, די ריש ווי א גימל א.א.וו.

# EN POCAS PALABRAS

La labor de seleccionar los materiales para la edición de las obras escogidas del padre y clásico de la literatura í d i s c h, *Itzjok Léibusch Péretz,* — con las características del método que empleamos ahora — se realiza, ciertamente, por primera vez en la historia de las actividades editoriales en idioma ídisch.

Sabíamos de antemano que nuestra tarea no sería fácil. Reunir lo mejor de la producción literaria de I. L. Péretz, para entregarla al lector en triple faz: explicada, interpretada e ilustrada gráficamente, es en las actuales condiciones — haciendo a un lado la modestia — una empresa un tanto audaz y tal vez riesgosa.

Con un claro sentido de la responsabilidad que hemos asumido, emprendemos la cotidiana tarea que habrá de conducir a feliz término nuestro plan trazado. Lo hacemos convencidos de que no se trata de una labor editorial corriente, sino de una obra de envergadura, provechosa para la cultura judía, para las escuelas israelitas y para el lector judío de cualquier latitud del mundo.

Al editar los cinco volúmenes de las obras de Péretz, creemos dar el primer paso para sacar a la luz una moderna "Biblia en idioma ídisch". Aún cuando al principio no nos lo habíamos propuesto así, la selección de los materiales preparados para entrar en prensa, nos ha colocado frente a la evidencia de que serán necesarios cinco volúmenes para contenerlos. Así surgieron los *cinco libros de un moderno "Pentateuco de Péretz."*

Con la entrega del presente prospecto de muestra, aspiramos a que el intelectual judío, los estudiantes de nuestras escuelas israelitas superiores y los lectores en general, se formen un concepto claro del carácter de la obra que nos proponemos editar. No obstante las dificultades y los obstáculos de diverso orden que sabemos se nos opondrán en la empresa, abrigamos la esperanza del éxito, que obtendremos con el apoyo de los amantes de la cultura judía.

Confiados en el éxito, esperamos entregar al público, en el tiempo más breve que sea posible, los cinco volúmenes de la magna obra literaria de Péretz: explicada, ilustrada e interpretada que habrá de merecer, sin duda, el honroso nombre de "Pentateuco de Péretz."

Ojalá sea éste el comienzo de una nueva modalidad en la reedición de obras literarias en ídisch, con la cual enalteceremos la vida judía y reafirmaremos que la eternidad del pueblo judío jamás será desvirtuada.

LOS EDITORES.

"LOS PENTATEUCOS DE PERETZ"

# HOJAS SELECTAS

en 5 tomos

— DE —

## I. L. PERETZ

COMENTADO — EXPLICADO — ILUSTRADO

# PROSPECTO

(Muestra de la Edición)

Editorial "BANAIUNG"
(RENOVACION)

SARMIENTO 2157 BUENOS AIRES Rep. ARGENTINA

1957